ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# שבט מוסר

# קרח

אידיש

**538**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק
# שמונה ושלשים

## • קרח •

אין דעם פרק ווערן ערקלערט, אַסאַך זאַכן וואָס דער מענטש דאַרף לייגן אויף זיין האַרץ כדי ער זאָל נישט זינדיגן.

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

בס"ד

# אינהאַלט

## פון אַכט און דרייסיגסטער פרק


א. דער מענטש זאָל אויפהייבן זיינע אויגן צו די בעלי חיים, צו די בערג און טאָלן, צו די ימ'ען און טייכן, און דאַן וועט ער נישט זינדיגן. ........ ג

ב. זאַכן וואָס אַ מענטש זאָל טראַכטן אין זיין האַרץ, כדי ער זאָל נישט זינדיגן. ........ ד

ג. ביי דעם רשע זעט אויס אַפילו אַ האַרבע עבירה אַזוי ווי אַ גרינגע עבירה, ווייל ער איז שוין געוואוינט דערצו. ........ ז

ד. דער שטייגער פון דעם יצר הרע איז אָנצוהויבן מיט גרינגע עבירות, ווייל ער ווייסט אַז דער מענטש וועט אים נישט צוהערן באַלד צו די האַרבע עבירות. ........ ח

ה. צוויי טייטשן אויף די גמרא **"אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש"**, אָדער דער מענטש זאָל אים הרג'ענען, אָדער דער מענטש זאָל אים לאָזן לעבן און אים באַצאָלן גוטס אנשטאָט שלעכטס. ........ ט

ו. די קראַנקהייטן פון דער נשמה זענען אַזוי ווי די קראַנקהייטן פון דעם גוף, און זיי זענען איינגעטיילט אין פאַרשידענע כתות. ........ ט

ז. אַ טייטש אויפן מאמר חז"ל: "אם ראית תלמיד חכם שעבר עבירה בלילה", אויב דו האָסט געזען אַ תלמיד חכם וואָס האָט עובר געווען אַן עבירה ביינאַכט - ודאי עשה תשובה, האָט ער זיכער געטוהן תשובה אויף די עבירה. ........ י:ז

ח. אַן אמתיער תלמיד חכם ווערט נישט געשטרויכלט מיט אַן עבירה, און די מענטשן וואָס זינדיגן זענען די וואָס צווינגען מענטשן זיי צו האַלטן אַלס תלמידי חכמים. ........ יא

ט. זיבן מעלות אין תשובה - פון דעם ספר מנורת המאור. ........ יב

# פרק שמונה ושלשים

**דער מענטש זאָל אויפהייבן זיינע אויגן צו די בעלי חיים, צו די בערג און טאָלן, צו די ימ'ען און טייכן, און דאַן וועט ער נישט זינדיגן.**

**א. יתחרד המשכיל,** עס זאָל ציטערן דער קלוגער, אַז בשעת זיין נשמה איז נאָך אין אים, און ער הייבט אויף זיינע אויגן צום הימל, און ער זעט די ווייטקייט וואָס איז פון מערב ביז מזרח, און פון דרום ביז צפון, וואָס זיי זענען פינף הונדערט יאָר גאַנג. דאָס זענען די ערטער וואָס די זינדיגע נשמה איז אָנגעגרייט צו גיין אַהין און אַהער פון איין עק וועלט צו דער אַנדערער, און זי וויל אַרויפגיין צום הימל און קען נישט, ווייל מען וואַרפט זי פון הימל אויף דער ערד.

**ב. ואם,** און אויב עס איז אַ נשמה וואָס אירע זינד זענען שווער, וואַרפט מען זי אין דעם שליידער שטיין צו אַלע פיר עקן פון דער וועלט, אַזוי ווי מען וואַרפט אַ שטיין, און איז נע ונד אין דער פינצטערניש.

**ג. לא זו בלבד,** אויך זאָל דער קלוגער מענטש זען אַלע בהמות, חיות און עופות, טהור אָדער טמא, און אויך אַלע שרצים ורמשים, וואָס דער רשע איז אָנגעגרייט מגולגל צו ווערן אין זיי, און ער זאָל טראַכטן אין זיין מחשבה גלייך ווי איצט ווערט ער מגולגל אין זיי, און וויפיל צער און זאָרג עס קען אים דערגרייכן אַז ער ווערט איבערגעקערט צו דער געשטאַלט פון אַ בהמה אָדער פון אַ שרץ, וואָס קריכט אין ליים און אין בלאָטע. אויב ער וועט טראַכטן דערפון, וועט ער דערציטערט ווערן, און ער וועט תשובה טוהן אויף די עבירות.

**ד. גם,** אויך זאָל דער מענטש אויפהייבן זיינע אויגן צו די בערג און די שטיינער און ער זאָל טראַכטן, מען זאָל זיין נשמה חס ושלום נישט אַריינלייגן אין זיי צוליב זיינע זינד, און ער וועט ווערן אַ שטיין.

**גם,** אויך זאָל דער מענטש קוקן אין די ימים און טייכן, און אין די קוואַלן, און ער זאָל טראַכטן אַז זיין נשמה זאָל חס ושלום נישט מגולגל ווערן אין די וואַסערן.

**גם,** אויך זאָל ער טראַכטן, וויפיל צער ער וואָלט געפילט אויב ער זאָל זען ווי אַזוי מען שלאָגט מענטשן מיט אייזערנע ריטער און מיט שרעקליכע שלעק. מכל שכן, איז דאָך אַוודאי, אַז ווען זיין לייב אַליין זאָל זיין אין דעם, וואָלט ער עס דען געקענט אויסהאַלטן? און אויב ער וועט אַזוי טראַכטן, וועט ער תשובה טוהן און ער וועט מער נישט זינדיגן, ווייל די נשמה וואָס האָט געזינדיגט און איז געשטאָרבן אָן תשובה, טרעפן זיך מיט איר די אַלע פּאַסירונגען וואָס שטייען געשריבן אויבן.

## זאַכן וואָס אַ מענטש זאָל טראַכטן אין זיין האַרץ, כדי ער זאָל נישט זינדיגן.

**ה. ואתה,** און דו, מענטש, פאַרוואָס זאָלסטו נישט רחמנות האָבן אויף דיין נשמה? וואָס וועסטו ענטפערן צו דעם אויבערשטן ברוך הוא אין דער צייט ווען ער וועט צוריק פאַרלאַנגען די נשמה פון דיר? ווי אַזוי וועסטו דעמאָלט קענען האָבן אַ מויל צו ענטפערן אָדער אַ שטערן אויפצוהייבן דעם קאָפּ פאַר בושה.

**פאַרוואָס** זאָלסטו נישט טראַכטן אַז דו ביסט גאָרנישט, און דו ביסט אַלעס. גאָרנישט ביסטו אויב דו וועסט שטאַרבן מיט דיינע זינד, און אַלעס ביסטו אויב דו וועסט שטאַרבן מיט תשובה, און מיט אַ ריינע נשמה. און ווייל דו, מענטש, האָסט די מעגליכקייט צו ראַטעווען דיין נשמה פון צרות, פאַרוואָס זאָלסטו זיך פוילן אַריינצוגיין אין דעם

היכל פון דעם אויבערשטן ברוך הוא און אָנזעטיגן זיך מיטן גן עדן, און דיין באַשעפער זאָל דיך מאַכן קעניגן איבער דריי הונדערט און צען וועלטן, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק ״**להנחיל אוהבי יש**״.

**אויך** זענען דאָ נאָך דריי הונדערט און פערציג וועלטן וואָס די נשמה באַקומט דורך אַ מתנה פון דעם אויבערשטן, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק ״**שם עולם אתן לו**״ (ווי עס ווערט געברענגט אין אותיות דרבי עקיבא).

**ו. ולאיש,** און דער מענטש וואָס קען דאָס אַלץ האָבן, דאַרף ער דאָך נישט שלאָפן, נאָר לויפן מיט זיין גאַנצן כוח, און מאַכן פאַר זיך פליגל צו פליען אין די אַלע וועלטן, און נישט צו גלוסטן אין דער זיצונג פון דער וועלט אָן תשובה.

**ז. למה,** דו, מענטש, פאַרוואָס זאָלסטו נישט טראַכטן אַז יעדער מענטש וואָס מאַכט זיך פאַרלירן מיט די אייגענע הענט, דאַרף מען זיך אויף אים נישט דערבאַרעמען, און דו אַליין מאַכסט זיך פאַרלירן מיט דיינע אייגענע הענט, ווייל דו ווייסט דאָך ווי אַזוי דו קענסט אַליין ראַטעווען דיין זעל פון טויט און פון פאַרשידענע שלעכטע טרעפונגען, און דו פוילסט זיך.

**ואם,** און טאָמער דו וועסט זאָגן אַז דער וועג איז אַ שווערער וועג. איז דאָס נישט ריכטיג, נאָר דער וועג איז אַ גלייכער וועג, וואָס דיינע פיס וועלן זיך נישט אָנשטויסן ווען דו גייסט אויף דעם דאָזיגן וועג.

**דרך,** עס איז אַ וועג וואו עס רוהט ליכטיגקייט אָן קיין שום שטרויכלונג, אַ וועג וואו עס איז נישטאָ קיין שטן און קיין שלעכטע באַגעגעניש.

**דרך,** עס איז אַ וועג וואָס דער מענטש וואָס גייט אויף דעם וועג באַקומט פליגל צו פליען אין אַזאַ אָרט וואָס קיין שום מלאך קען דאָרט נישט קומען. דאָס איז אונטער דעם כסא הכבוד.

**ח. הוא,** דאָס איז דער וועג פון תשובה, וואָס ער איז באַשאַפן געוואָרן נאָך פאַר דער וועלט, כדי איבערצוקערן דעם מענטש צו אַ נייע באַשעפעניש. אַפילו אַן אַלטן מענטש טוט די תשובה אים איבערקערן, גלייך ווי ער וואָלט ערשט געבוירן געוואָרן.

**דער** וועג פון תשובה איז אַ וועג וואָס דאָרט איז דאָ אַ זעטיגקייט און אַ גרויסער פאַרדינסט אין איין רגע, ווייל די עבירות פון דעם מענטש ווערן אין איין מינוט איבערגעקערט צו זכיות.

**גם,** אויך זאָל דער מענטש טראַכטן, אויב איך וועל נישט עוסק זיין אין די מצוות וואָס מיין באַשעפער האָט מיך באַפוילן, און וואָס צוליב דעם האָט ער דאָך מיך באַשאַפן, בין איך אויף דער וועלט ווי אַן איבעריגע זאַך וואָס ברענגט נישט קיין שום נוצן.

**ט. הלא,** דעריבער איז מיר בעסער צו היטן די מצוות און צו שטאַרקן זיך אין זיי, און צו פאַרבייטן אַלע מיינע אומריינע נעמען אויף הייליגע און ריינע נעמען, און די וועלט וועט מיך דאַרפן, ווייל דורך מיין צדקות וועט קומען אַ שפע אויף דער וועלט. מען וועט מיך רופן "טייערער שטיין", "שטאַרקער פעלז", אַ פאָטער וואָס היילט, ער טוט גוטס מיט אַ סאַך מענטשן, ער טוט חסד צו דער וועלט, ער איז גלוסטיג אין די אויגן פון יעדן מענטש, און אַזוי ווייטער.

**י. ואיך,** און פאַרוואָס זאָל איך פאַרלירן די גוטע און הייליגע נעמען דורך צוהערן די עצה פון דעם יצר הרע, וואָס ער האָט מיך פיינט און ער וויל מיך אומברענגען חס וחלילה. וועלן דען פאַרגעבן ווערן אַלע מיינע עבירות? וועט דען געפינען ווערן אַ מלאך, אַ מליץ, וועלכער זאָל פאַר מיר זאָגן גוטס, אין דער צייט ווען מיין באַשעפער וועט מיך משפּט'ן צוליב מיינע זינד?

**אם,** וועט דען געפונען ווערן צו מיר אַ טרייסטער און אַ דערבאַרעמער, וועלכער זאָל זיך איבער מיר דערבאַרעמען אין די יסורים פון דעם גיהנום? אַלע וועלן דאָך ענטפערן, נעם דאָס וואָס דו

האָסט פאַר דיר אויסדערוועהלט, און לייד צוליב דיינע זינד וואָס דו האָסט ליב געהאַט אָוועקצושטויסן די מצוות.

**לכן,** דעריבער איז פאַר מיר בעסער אַוועקצושטויסן אַלע זאַכן וואָס דער יצר הרע רעדט מיך אָן צו טוהן, און כאָטש עס ווייזט אויס אַז דיינע עצות זענען זיס ווי האָניג, וועל איך פאָרט פאַרמיאוס'ן אין זיי און זיי דערווייטערן פון מיר. איך האָב מער נישט נאָר צו באַהעפטן זיך אין מיין באַשעפער מיט מיין גאַנץ האַרץ, שטענדיג אים צו דינען.

**ביי דעם רשע זעט אויס אַפילו אַ האַרבע עבירה אַזוי ווי אַ גרינגע עבירה, ווייל ער איז שוין געוואוינט דערצו.**

**זה,** דאָס זאָל דער מענטש טראַכטן, וועט קיינמאָל נישט קומען צו זיין האַנט אַן עבירה, ווייל דער מענטש וואָס וויל תשובה טוהן, העלפט מען אים פון הימל.

**יא. ובפרט,** און בפרט, דער מענטש זעט דאָך אַז אַלע וועגן פון דעם יצר הרע זענען מיט פאָפעריי און מיט פאַרשידענע תחבולות. דער יצר הרע באַנייט זיך אויף אים יעדן טאָג, כדי ביסלעכווייז אים אַריינצוכאַפן אין זיין נעץ, כדי ער זאָל אים דערנאָך מאַכן אַריינפאַלן אין גיהנום. און פון דעם קען דער קלוגער מענטש פאַרשטיין אַז דער יצר הרע איז אים אַ שונא, כאָטש אפילו ער מאַכט זיך פאַר אים ווי אַ גוטער פריינט, ווייל אויב נישט, פאַרוואָס דאַרף דער יצר הרע קומען מיט פאָפעריי און נישט אַרויסווייזן אָפענערהייט זיין כוונה.

**כדאמרינן,** אַזוי ווי די גמרא זאָגט אין מסכת סוכה, רבי יצחק האָט געזאָגט, דער יצר הרע באַנייט זיך אויף דעם מענטש יעדן טאָג מיט נייע וועגן, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק **"וכל יצר מחשבות לבו רק רע כל היום".**

**דער שטייגער פון דעם יצר הרע איז אָנצוהויבן מיט גרינגע עבירות, ווייל ער ווייסט אַז דער מענטש וועט אים נישט צוהערן באַלד צו די האַרבע עבירות.**

**יב. עוד,** נאָך זאָגט דאָרט די גמרא, רבי שמעון בן לקיש האָט געזאָגט, דער יצר הרע שטאַרקט זיך אויף דעם מענטש יעדן טאָג און ער וויל אים האַרג'ענען, און ווען דער אויבערשטער ברוך הוא זאָל דעם מענטש נישט העלפן, וואָלט ער דעם יצר הרע נישט געקענט בייקומען.

**תנא,** די תלמידים פון רבי ישמעאל האָבן געלערנט אין אַ ברייתא, מיין זוהן, אויב דער מנוול, דער יצר הרע, האָט דיך באַגעגענט, שלעפּ אים אין בית המדרש אַריין און זעץ דיך לערנען. אַפילו אויב ער איז אַזוי האַרט ווי אַ שטיין, וועט ער צעריבן ווערן.

**נראה,** רבי שמעון בן לקיש קומט צו וואָרענען, אַז דער מענטש זאָל זיך נישט פאַרזיכערן אויף זיין יצר הרע, ווייל זיין שטייגער איז איבערצורעדן דעם מענטש מיט ליבשאַפט, ווייל ער האָט מורא באַלד אָנצורעדן דעם מענטש צו טוהן אַ גרויסע עבירה, טאָמער וועט ער אים שוין קיינמאָל נישט צוהערן. דעריבער גייט ער מיט אים ווייך און ער ווייזט אים אַז די זאַכן מעג מען טוהן, און דעמאָלט גייט ער שוין טוהן גרויסע עבירות, און אויב דער מענטש וויל נישט צוהערן צו דעם יצר הרע, וויל ער אים האַרג'ענען. ווען דער אויבערשטער זאָל נישט העלפן דעם מענטש בשעת ער וויל נישט הערן דעם יצר הרע, וואָלט ער אים נישט געקענט בייקומען.

**צוויי טייטשן אויף די גמרא "אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש", אָדער דער מענטש זאָל אים הרג'ענען, אָדער דער מענטש זאָל אים לאָזן לעבן און אים באַצאָלן גוטס אנשטאָט שלעכטס.**

**יג. היוצא,** דעריבער זאָל דער מענטש זיך נישט לאָזן איבעררעדן פון זיין יצר הרע אַפילו אין אַ גרינגע זאַך, ווייל אויב דער יצר הרע וועט זיך שטאַרקן אויף אים, וועט ער אים צווינגען עובר צו זיין אויף האַרבע עבירות.

**וכוונת,** דער תנא דבי רבי ישמעאל זאָגט, אַז אַ מענטש זאָל נישט באַצאָלן פאַרן יצר הרע שלעכטס פאַר שלעכטס, נאָר גוטס פאַר שלעכטס. דאָס מיינט, אַז אַ מענטש דאַרף שלעפּן דעם יצר הרע אין בית המדרש אַריין און אים איבערדרייען צו גוטן. אָדער קען זיין פשט, אַז וואָס דער יצר הרע טראַכט דיר צו טוהן, דאָס זעלבע טו דו צו אים, און שלעפּ אים אין בית המדרש אַריין, און לערן דאָרט תורה, און דאָרט, מיט דעם כח פון דער תורה, אפילו אויב ער איז אַ שטיין, וועט ער צעריבן ווערן און ער וועט אינגאַנצן פאַרלענדעט ווערן.

**די קראַנקהייטן פון דער נשמה זענען אַזוי ווי די קראַנקהייטן פון דעם גוף, און זיי זענען איינגעטיילט אין פאַרשידענע כתות.**

**יד. ודע,** און דו זאָלסט וויסן אַז די קראַנקהייט פון דער נשמה איז אַזוי ווי די קראַנקהייט פון דעם גוף. עס ווערט צעטיילט אויף עטליכע גרופּעס, און די ערגסטע גרופּע איז דער מענטש וואָס איז איינגעוואוינט צו טוהן עבירות און זיי ווערן ביי אים גלייך ווי אַ טבע, און ער מיינט אַז ער איז באַשאַפן געוואָרן כדי צו טוהן וואָס זיין האַרץ גלוסט.

**והכת,** און די בעסטע כתה פון די מענטשן וואָס זינדיגן איז, דער מענטש וואָס ווען ער טוט אַן עבירה זוכט ער באַלד אַ רפואה

דערויף און ער טוט תיכף תשובה אויף זיין זינד.

**ובעל,** און דער בעל מנורת המאור שרייבט, אַזוי ווי דער וואָס איז קראַנק אין גוף, אויב ער פילט נישט זיין קרענק, אָדער ער וויל נישט זוכן קיין רפואה, און ער גייט נאָך זיינע הנאות, ווערט דאָך די קרענק איינגעגעסן אין זיין גוף ביז ער שטאַרבט. אַזוי אויך דער מענטש וואָס איז קראַנק אין זיין נשמה, זענען דאָ מענטשן וואָס פילן גאָרנישט זייער קראַנקהייט. עס דאַכט זיך זיי אַז זיי זענען גאָר געזונט, און אויף אַזעלכע מענטשן שטייט אין פסוק "**דרך רשעים באפילה לא ידעו במה יכשלו**", דער וועג פון די רשעים איז אין דער פינצטערניש, זיי ווייסן נישט מיט וואָס זיי ווערן געשטרויכלט. אויך שטייט אין פסוק, "**יש דרך ישר לפני איש ואחריתה דרכי מות**", עס איז דאָ אַ וועג וואָס געפעלט דעם מענטש און זיין סוף איז צום טויט.

**טו. ויש,** און עס איז דאָ אַ מענטש וואָס פילט יאָ זיין קרענק, נאָר ווייל ער איז איינגעזונקען אין די תאוות פון זיין האַרץ זוכט ער נישט קיין רפואה, און אַזוי ווי דעם קראַנקן דאַכט זיך וועגן זיס אַז עס איז ביטער, און אויף ביטער דאַכט זיך אים אַז עס איז זיס, אַזוי איז אויך ביי די קראַנקהייט פון דער נשמה. זיי ווילן טוהן וואָס איז שלעכט און זיי פאַר'מיאוס'ן זיך אין גוטס, און אויף אַזעלכע מענטשן שטייט אין פסוק "**הוי האומרים לרע טוב ולטוב רע**", וויי געשריגן אויף די מענטשן וואָס וועגן גוטס זאָגן זיי אַז עס איז שלעכטס, און אויף שלעכטס זאָגן זיי אַז עס איז גוט.

**טז. וגם,** און אויך דער מענטש וואָס פילט די קראַנקהייט פון זיין גוף און ער וויל זיך היילן, דאַרף ער דאָך זוכן אַ דאָקטאָר וואָס זאָל אים געבן אַן עצה ווי אַזוי ער זאָל געהיילט ווערן. אַזוי אויך דער מענטש וואָס איז געגאַנגען אין שלעכטן וועג, און דערנאָך האָט ער דערפילט די קראַנקהייט פון זיין נשמה וואָס ער האָט צוליב זיינע

זינד, זאָל ער זוכן אַ דאָקטאָר צו זיין קרענק און ער זאָל גיין צו די חכמים וואָס זענען די דאָקטוירים פון דער נשמה, און זיי וועלן אים געבן אַן עצה ווי אַזוי ער זאָל תשובה טוהן.

**וכמו,** און אַזוי ווי ביי די קראַנקהייט פונעם גוף, דער מענטש וואָס פילט אַז זיין נאַטור איז אַביסל פאַרענדערט געוואָרן און ער פאַרריכט די זאַכן וואָס האָבן אים דאָס גורם געווען, ווערט ער דאָך באַלד געהיילט, ווייל די קרענק איז נאָך נישט איינגעגעסן געוואָרן אין זיין קערפּער, אַזוי אויך דער מענטש וואָס איז געוואוינט צו גיין אין דעם גוטן וועג און עס האָט זיך געטראָפן אַז ער האָט געטוהן אַן עבירה און ער שפּירט איר באַלד, און האָט חרטה דערויף, איז אים גרינג תשובה צו טוהן און ווידער צו גיין אין גוטן וועג.

**אַ טייטש אויפן מאמר חז״ל: ״אם ראית תלמיד חכם שעבר עבירה בלילה״, אויב דו האָסט געזען אַ תלמיד חכם וואָס האָט עובר געווען אַן עבירה ביינאַכט – ודאי עשה תשובה, האָט ער זיכער געטוהן תשובה אויף די עבירה.**

**יז. וכן,** און אַזוי טרעפט אויך ביי אַ תלמיד חכם, אַזוי ווי מיר האָבן געלערנט אין מסכת ברכות, אויב דו זעסט אַ תלמיד חכם וואָס האָט עובר געווען אַן עבירה ביינאַכט, זאָלסטו נישט נאָכקלערן נאָך אים ביי טאָג, ווייל ער האָט זיכער תשובה געטוהן.

**אַן אמת׳ער תלמיד חכם ווערט נישט געשטרויכלט מיט אַן עבירה, און די מענטשן וואָס זינדיגן זענען די וואָס צווינגען מענטשן זיי צו האַלטן אַלס תלמידי חכמים.**

**יח. ובענין,** דו זאָלסט וויסן באמת, אַז דער איד וואָס איז אַן אמת׳דיגער תלמיד חכם און אַ ירא שמים, קומט נישט דורך אים קיין זינד. אויב עס טרעפט זיך אַז ער זינדיגט, זינדיגט ער אויף אַזאַ אופן אַז עס זאָל חס ושלום נישט זיין קיין חילול השם, נאָר די מענטשן וואָס זענען באמת נישט קיין תלמידי חכמים, נאָר צוליב

גאווה האַלטן זיי זיך ווי גרויסע תלמידי חכמים און קענען בכלל נישט די תורה, און זיי טוען נישט קיין גוטע מעשים, אָבער מענטשן מיינען דאָך אַז זיי זענען תלמידי חכמים. קומט אַרויס פון דעם אַ חילול השם ח״ו, ווייל די פּראָסטע מענטשן זאָגן, אויב די תלמידי חכמים זינדיגן, מעגן מיר דאָך אַוודאי זינדיגן.

**זיבן מעלות אין תשובה – פון דעם ספר מנורת המאור.**

**יט. והנני,** און איך וועל פאַר דיר אַוועקשטעלן זיבן מעלות פון תשובה, וואָס איין מעלה איז בעסער פון דער אַנדערער.

די דאָזיגע מעלות ווערן געברענגט אין ספר מנורת המאור, און איך וועל עס שרייבן בקיצור.

**המעלה הא׳,** די ערשטע מעלה איז די גרעסטע פון אַלע זיבן מעלות. דאָס איז די תשובה וואָס ווערט געטוהן באַלד נאָך די עבירה, און זי ווערט באַלד אָנגענומען ביים אויבערשטן ברוך הוא. אויף אַזאַ מענטש זאָגט די גמרא, אויף דעם אָרט וואו די בעלי תשובה שטייען אין גן עדן, קענען די רעכטע צדיקים נישט שטיין.

**המעלה הב׳,** די צווייטע מעלה איז, דער מענטש וואָס איז געוואָרן איינגעוואוינט אין זינד אַ סאַך צייט, נאָר ער טוט תשובה אין זיין יוגנט, אויב ער קען ווייטער טוהן די דאָזיגע זינד און ער האָט חרטה און ער באַצווינגט זיין יצר הרע, און ער טוט אַ ריכטיגע תשובה נאָר דערפאַר ווייל ער האָט מורא פאַרן אויבערשטן.

**המעלה הג׳,** די דריטע מעלה איז, דער מענטש וואָס טוט תשובה אין זיין יוגנט, נאָר די זינד זענען פאַר אים נישט גרייט אַזוי ווי פריער. אָדער ער שעמט זיך פון מענטשן צו טוהן עבירות אַזוי ווי פריער.

**המעלה הד׳,** די פערטע מעלה איז, דער מענטש וואָס טוט תשובה

ווייל ער האָט מורא אַז עס זאָלן אויף אים נישט קומען צרות, אָדער ווייל מענטשן שטראָפן אים, איז די תשובה פונדעסטוועגן אויך גוט.

**המעלה הה׳,** די פינפטע מעלה איז, דער מענטש וואָס האָט חרטה אויף זיינע זינד ווייל עס זענען שוין געקומען אַ סאַך צרות אויף אים, נעמט דער אויבערשטער ברוך הוא אָן מיט זיין גרויס רחמנות אויך די דאָזיגע תשובה.

**המעלה הו׳,** די זעקסטע מעלה איז, דער מענטש וואָס טוט תשובה אויף זיין עלטער, ווען ער קען שוין מער נישט טוהן עבירות צוליב זיינע שוואַכע כוחות. פונדעסטוועגן, אויב ער האָט חרטה אויף דעם וואָס ער האָט געטוהן אין זיינע יונגע יאָרן, ווערט זיין תשובה אויך אָנגענומען, און אויף דעם האָבן אונזערע חכמים זכרונם לברכה געזאָגט, אפילו אויב ער איז געווען אַ רשע אַלע זיינע טעג און אויף זיין עלטער האָט ער תשובה געטוהן, נעמט מען אים אָן.

**המעלה הז׳,** די זיבעטע מעלה איז די נידעריגסטע פון אַלע זיבן מעלות. דאָס איז דער מענטש וואָס ווען ער האָט געלעבט האָט ער נישט געהאַט קיין חרטה אויף זיינע זינד, נאָר ווען ער ווערט קראַנק און ער זעט אַז זיין צייט איז נאָענט צו שטאַרבן, דעמאָלט טוט ער תשובה.

**ואע״פ,** און כאָטש די אַלע תשובות זענען דאָך נישט גלייך איינע צו די אַנדערע, פונדעסטוועגן נעמט מען אָן יעדע תשובה לויט איר מעלה. אָבער דער מענטש וואָס שטייט מיט זיין רשעות און ער שטאַרבט אָן תשובה, דער דאָזיגער מענטש איז אַ ריכטיגער אפיקורס דערמיט וואָס ער גלויבט נישט אַז ער וועט מוזן אָפּגעבן אַ דין וחשבון אויף זיינע זינד, און ער פאַרדאַרבט זיין גוף און זיין נשמה, און ווערט גע׳משפט אין גיהנום.

**הקב״ה,** דער אויבערשטער ברוך הוא זאָל אונז ראַטעווען און אָפּהיטן פון שלעכטע דיעות, און ער זאָל געבן אונזער חלק

מיט די צדיקים וואָס האָבן ליב זיין נאָמען און גייען אין דעם וועג פון אמת צו דינען אים מיט'ן גאַנצן האַרץ, כדי זוכה צו זיין צו זען די זיסקייט פון השם יתברך און צו באַזוכן אין זיין היכל, אמן ואמן.

❁ ❁ ❁